# פון אונזער ״אָרטאָדאָקסישן אַרכיוו״



אוצר החכמה
18392

הייַנטיקן חודש איז געווען די 56טע יאָרצייט פון לובלינער רב הגאון רבי מאיר שפירא זצ״ל, און דאָ איז איינע פון די אינטערעסאַנטע בילדער וואָס דער אָרטאָדאָקסישער אַרכיוו האָט זיך לעצטנס דערוואָרבן. ס׳איז אַ בילד פון אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר פּוילישע זשורנאַליסטן אין טאָג פון דער דערעפענונג פון ״ישיבת חכמי לובלין״. אין צענטער זעט מען דעם לובלינער רב און רעכטס אויפ׳ן בילד פון אים דעם נדבן פון ישיבה־בנין ר׳ שמואל אייכנבוים ז״ל. לינקס אויפ׳ן בילד זעט מען נעבן דעם רב שטייענדיג ר׳ אלכסנדר זושא פרידמאן און זיצענדיג דעם סאַנאָקער רב און אגודה־מנהיג הרב ר׳ טובי׳ הורוויץ הי״ד. עקסטרעם רעכטס אויפ׳ן בילד דערקענט מען דעם אָרטאָדאָקסישן שריפטשטעלער רבי משה פראַגער ז״ל. קען אימיצער פון אונזערע לייענער אידענטיפיצירן די אַנדערע פּערזענליכקייטן?

## לייענער אידענטיפיצירן אַרכיוו בילדער

לכבוד ״דאָס אידישע וואָרט״:

איך וויל אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם דאָזיקן בילד — אַזוי ווי איך בין געווען דאָרטן. דאָס איז ניט געווען ביי אַן אגודת ישראל קאָנווענשאָן, נאָר ביי אַ מלוה מלכה פון אגודת אדמורי״ם אין בראָדוועי סענטראַל — איך האָב די אָריגינעלע בילדער.

רעכטס צו לינקס: אדמו״ר מאמשינאוו זצ״ל, שאָצער רבי זצ״ל, סגן נשיא אגודת אדמורי״ם, יבלח״ט באָבאָווער רבי שליט״א, באָיאנער רבי זצ״ל, נשיא אגודת אדמורי״ם, בלאָזשעווער רבי זצ״ל, ווישאָווער רבי הרב מאיר האגער זצ״ל.

הינטן זעט מען ר׳ חיים סאכאַטשעווסקי נ״י, ר׳ אברהם הורביץ נ״י בן אדמו״ר משאץ זצ״ל, ר׳ יהושע פרנס נ״י פון מאנסי, בן ר׳ לייבוש פרנס ז״ל פון איסט סייד.

אין יענעם מלוה מלכה האָט די בלאָזשעווער רבי זצ״ל געהאַלטן די הויפּט דרשה, דערציילנדיג וועגן זיינע יאָרן אין די לאַגער.

ברגשי כבוד וכל טוב
**יוסף דוד** לייגער
ברוקלין, נ.י.

**פון דער רעדאַקציע: מיר דאַנקען רי״ד** לייגער **פאַר אידענטיפיצירן אונז די רבנים פון דעם בילד אונטן. אין קומענדן נומער וועלן מיר ברענגען די שריפטן וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַנדערע לייענער וועגן די בילדער וואָס מיר אַליין האָבן ניט געקענט אידענטיפיצירן.**





**חשובער גאַסט אין ״אָרטאָדאָקסישן אַרכיוו״ פון אגודת ישראל**

**דער ניו־יאָרק אַסעמבלי ספּיקער מעל מיללער (אין צענטער), וועלכער האָט געהאָלפן דאָס קריגן שטיצע פאַר דעם ״אָרטאָדאָקסישן אַרכיוו״ פון אגודת ישראל אין אַמעריקע ווערט דאָ געוויזן ביי זיין באַזוך אינ׳ם אַרכיוו אין דער אגודה צענטראַלע 84 וויליאַם סטריט. הרב משה שערער, דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט געלויבט ספּיקער מיללער פאַר זיין ראָלע אין אָט דעם וויכטיקן פּראָיעקט אויפצוהיטן די געשיכטע פון אָרטאָדאָקסישע אידן אין אַמעריקע ווי אויך דאָקומענטן אין געשיכטליכע מאַטעריאַלן פון אייראָפּע אין ארץ ישראל. לינקס איז הרב משה קאָלאָדני, דער דירעקטאָר פון אַרכיוו, וועלכע פאַרמאָגט שוין איצט אַ גרויסן אוצר פון געשיכטליכע מאַטעריאַלן, באַזונדערס די געשיכטע פון די אָרטאָדאָקסישע באַמיאונגען פאַר הצלה אין די חורבן יאָרן.**

---

אין דער ״אָרטאָדאָקסישן־אַרכיוו״ ווערן אויפגעהיטן וויכטיקע מאַטעריאַלן פון אידישער געשיכטע. אויב איר האָט אַזעלכע, לאָזט זיי ניט פאַרלוירן גיין. שיקט עס אין אונזער אַרכיוו וואו זיי וועלן האָבן אַ גוטן תכלית פאַראייביקט צו ווערן אויף פאַרשידענע וועגן. אַ דאַנק אייך למפרע.



דאס אידישעווארט - 286 / חודש זשורנאל (עמוד 47) 18392 הודפס מאוצר החכמה